STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11755

SHOLEM-ALEYKHEMS ONDEYNKEN

Zalman Shneour

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כלל-פֿארלאַג

כלל־ביבליאָטעק

ז. שניאור

שלום־עליכמס אָנדייִנקען

כלל־פאַרלאַג
בערלין, 1922 - תרפ"ג

Klal-Verlag / Berlin SW 68 / Markgrafenstr. 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.

Klal-Druckerei, Berlin.



שלום-עליכם-סקולפטור
פון לעאָ בוימאַן.

אינהאַלט

אַ שלום־עליכם־דיינקמאָל . . . . ז. 11
פון שלום־עליכמס לעבן און שאַפן 21

אַ שלום-עליכם-דיינקמאָל

אָה, דו, ווער ס'האָט זיין פאָלק געשיינקט דאָס לאַכן —
דעם זאַלץ פון פרידן, דעם געטליכן געטראַנק,
וועלכן ס'קענען נאָר: ברייטהאַרציגקייט און אומשולד
און רייכע, פרייע גייסטער; —
וואָס מאַכט פון בייזע מענשן שפילנדיקע קינדער,
און וועמענס טעם דאָס פאָלק האָט לאַנג געוועזן פאַרגעסן
צוזאַמען מיט דעם רופט פון פעלד און גאָרטן —
און גאַנצע דורות ניט פאַרגונען זיך אַליין,
ווי אביונים פינסטערע, אַן איבעריגן ביסן...
אָה, דו, פון וועמענס פולער ברוסט עס האָט געשפרודלט
געלעכטער קייכנדיגער, הילכיגער און שטילער,
ראַפּסאָדיעס פון לוסטיגן געוויין,
פון שפאַס און ערנסט אויסגעמישט צוזאַמען, —
און וועמענס וויץ עס האָט געוואַרעמט און געטרייסט,
ווי אַ קנאַקנדיגער פלאַקער אין אַן אָסיען־אָוונט; —
און אויפגעהויבן שוואַכע איבער בערג פון צרות,
געמיינהייט, שלעכטס; געגעבן מוט צו שטיין

מיט שווערע גלות־פעק אַלץ העכער, העכער...
אָט, דו, דו האָסט אַצינד אַ בייזן שפּאַס געמאַכט
און ביסט אַוועק פון אונז, פאַרשוואונדן פּלוצלינג,
געלאָזן אונז אַליין מיט נאַרישע געזיכטער,
מיט ראַרע הענט פאַרוואָרפן אויף די זייטן,
מיט מיילער אָפענע אין מיטן אָפּלאַכן מיט דיר
פון לייד און פרייד, פון זיך אַליין, פון גאָר דער וועלט, —
וואָס זינקט אַצינדער אין איר אייגן בלוט און זינד
און שלעפּט אונז מיט אין טיפע גריבער, וועלכע פעלקער
האָבן אייגע פאַר דאָס אַנדערע געגראָבן...

* *

*

האָסט אַלע מאָל געלאַכט און דאָס מאָל —
אויסגעלאַכט!
האָסט קיינמאָל מיט אַזוי פיל גאַל זיך לוסטיג ניט געמאַכט
פון אונזער עלנט, אומבאַהאָלפנקייט —
ווי אין דיין לעצטן ווערק... דיין טויט!
מיר שטייען נאָך ערשטוינט אין איין מיליאָנען־קרייז
אַרום דיין פרישן, הויכן קבר,
און פינטלען מיט די אויגן: אָט ערשט איז דאָרט געזעסן
דער גאָט־געבענשטער הומאָר מיט זיין לעבעדיגן שמייכל...
און פּלוצלינג זיצט גאָר דאָרט אַ טויטע קנאָכן־מאַסקע
מיט שוואַרצע אויגן־לעכער און פאַרקריצטע ציינער;
זי שמייכלט כלומרשט אויך, נאָר אַנדערש איז איר שמייכל:
אַ פרעמדס, אַ גיפטיגס, ניט פון דער וועלט...

אָט ערשט נאָך אָפן איז געווען דיין ברייטע בינע, —
און איבער טויזנטער געזיכטער, ליכטער, בילדער,
נוסחאות, הנועות, שטימען ביסטו אַליין געשטאַנען
און פון אַ ווינקעלע רעגירט;
געבליצט האָט נאָר פון וויַטן דיין באַגאָלדטע פעדער.
און מיט אַמאָל, מען ווייס ניט ווי, — אַראָפּ דער פאָרהאַנג,
די ליכטער אויסגעלעשט, די מוזיקאַנטן שווייגן.
ווער שושקעט ביי דער פינסטערער עסטראַדע?
ווער ציהט זיך דאָרט פון ראַנג? דערשטיקטע קולות פרעגן:
וואָס איז, וואָס איז? וואָס איז געשען?
און וויַט און הויך — די אייביג־לוסטיגע גאַליאָרקע,
זי טופּעט נאָך און רוישט פאַר בראַוואָ־פּאַטשן,
זי פילט נאָך ניט אין איר עקסטאַז, אַז ס׳איז געקומען
דער לאַנגער, שטומער עפּילאָג.
מיר אַלע, רוכט זיך, זענ׳ נאָך גרייט פאַרוואַרפן דיך מיט בלומען
און שטורעמען מיט לאַנגע אויסגעשרייען:
— שלום־עליכם!
— ביס, שלום־עליכם!
אפשר וועט זיך אונז כאָטש נאָך אַ רגעלע אַנטפּלעקן
דיין טונקל־בלאָנדער, קלוגער קאָפּ פון שוואַרצן פאָרהאַנג,
וואָס וויגט זיך גרויזאַם צווישן „זיין און ניט זיין״;
אפשר וועלן נאָך אַרויסקוקן פון דאָרטן
די לאַכנדיגע, גרויע אויגן אונטער גלעזלאַך;
און אין פאַרשטומטן חלל, איבער קעפּ און קורצע אָטעמס,
וועט זיך דערהערן אַ באַקאַנטע, ווייכע שטימע:

— עליכם שלום, יידן... און זייט געזונט אויף אייביג!
גיטאָ... דער שוואַרצער פאָרהאַנג ציטערט נאָר פון פאַלן,
און זיינע פאַלדן הייגגען שווער, ווי טויטע פאַליעס,—
צווישן פאָלק און ריכטער.
און עמיץ כליפּעט שטיל און ערגעץ פאַלן טרערן, —
דער פאָלקס־גייסט וויינט פאַריתומט אין די הויפנס...

* *
*

גאָר וויסן זאָלסטו זיין, דו, וועלכער ביסט אַוועק,
אַז פאַר דיין לעצטן ווערק פון שטאַרבן
וועלן דיר די אָפּגעלאַכטע מיט אומשטערבליכקייט באַצאָלן,
און פאַר דיין טויט פון טויט אַליין נקמה נעמען.
מיר שווערן דיר אַצינד: און קומען וועט אַ טאָג —
אַ שטאַרקעס פאָלק פון יידן, אַ נייַ לאַנד וועט אויפשטיין
פון קראָמען־חורבות, פון וויסטע שטעט און שטעטלאַך.
און ווי ווילדע אָדלער פון צעשטערטע נעסטן
וועלן זיך אַרויסרייסן נייע שעפער און גאונים;
און אויפשטיין תחיה וועסטו דאַן מיט אונז צוזאַמען
אין דער פאָרשטעלונג און ליים פון גרויסע קינסטלער!
פון בראָנז געגאָסן וועסטו אויפשטיין אויף יידישע בולוואַרן,
אויף עפנטליכע פּלעצער פול מיט פּראַכט־געביידעס,
מיט הויכע פּאַלמען און פאָנטאַנען.

דיין וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט — מיט וועלכן
דו האָסט אייראָפּע און אַמעריקע געמאָסטן;
און תּמיד נע־ונד געזועהן, געהערט, געשאַפן.
און דיינע פּאָלעס — בראָנזע פלאַטערן הינטער דיר,
ווי אויסגעבלאָזן פון אַ שטורעמווינט אין וועג,
וואָס טרייבט דעם וואַנדערער צוריק, צום אַלטן היים...
און די ברייטע פּיערעסטאַלן פון דיין דיינקמאָל —
מיט גרויסע הומאָר־מאַסקן אויף די ווינקלען,
מיט העגט פאַרפלאָכטענע אין „שלום" און „עליכם",—
וועלן זיין פאַרצירט מיט רייכע באַרעליעפן
פון אַלע מנחם־מענדלס, סטעמפּעניוס, מלמדים;
ראָ טביה מיטן וועגל, און דאָרט — אַקטיאָרן, מעקלער,
קורלאַפּניטשקעס און שלעק און עמיגראַנטן,
נגידים בייכינע, קבצנים און הוליאַקעס:
אַ בונטער מישמאַש גלות־העלדן און קינדער, קינדער
פון טאָפּילי טוטאַריטו ביז מאָטל פּייסי
דעם חזנס יינגעלע, דער בן־זקונים פון דיין פּעדער.
זיי אַלעמען האָסטו אַמאָל צעטיילט דיין לעבן,
זענ׳ זיי אויפגעשטאַנען גלייך מיט דיר און לעבן אין
דיין שאָטן
אַן אייביג יונגען, קינסטלערישן לעבן.
און איבער זיי געהסט דו און געהסט און בלייבסט און
קינינגסט...
די אויגן דרינגען דורך און שמייכלען זעהענדיג
די נייע אויפלעבונג, וואָס האָט אַצינדער
זיך אָנגעטאָן אין פליש און הויט, אין שטיין און אייזן,—

און וועלכע האָט אין ד י י ן צייט נאָך געגעפּלט, ווי
אַ טרוים,
אויף יענעם זייט יעהופעץ און כתרילעווקע:
דיינע ליבע רעזירענצן... וועמענס אונטערגאַנג
ס׳איז רייך אַזוי אין דיינע ווערק און אומעטיג און לוסטיג,
ווי בלעטער אָסיען־צייט, ווי וואָלקנדלאַך אין אָוונט.

* *
*

און צו דיין גרויסן יאָרצייט, אַלע יאָר, וועט זיין
אַ מנהג אייגגעפירט ביים פאָלק אויף דורי־דורות:
אין יענעם טאָג וועט מען ניט טאָרן וויינען;
און קנס וועט צאָלן יעדערער, וואָס וויינט
און רעדט אין יענעם טאָג פון טרויעריגע זאַכן
און הויך און מונטער וועט זיך אָפּגעבן דאָס פאָלק
אין אַלע גאַסן „שלום" און „עליכם".
באַקאַנטע, פרעמדע, אַלטע, יונגע... ווי פאַרצייטן
ביים מהרש זיין די ניי־געבוירענע לבנה.
און אויף יעדן פּלאַץ, אין אַלע שטעט, אַרום דיין
דיינקמאָל,
מיט פלאַגן בונט באַפּוצט, מיט זיבן־רעדיגע מגורות,—
וועט מען לעזן דיינע ווערק פון הויכע בימהס
פאַר הונדערט־טויזנטער פון אונז׳רע קינדער.
און צוהערנדיג זיי וועט רונערן און ברויזן

אַ בּרייטער ים געלעבטער, פריש און פריי,
פון פרייע יידן אונטער פרייע הימלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי וועט דיך דאָס פאָלק באַשטראָפן
פאַר דיין אַוועקגיין אָהן אַ צייט, ווען טויזנטער אבלים
האָבן שטיל אַרויסגעקוקט אויף דיינע טרייסטן!

שאַרלאָטענבורג, 20 מאַי — 1916.

שלום-עליכמס קבר

אויף ניו-יאָרקער בית-עולם

פון שלום-עליכמס לעבן און שאפן

I

ווען איך זאָל נעמען אין איילעניש צוזאַמענשטעלן אַלע שטיקלאַך־ברעקלאַך זכרונות, אייגענע און פרעמדע, וועגן אונזער פּאָפּולערסטן שרייבער, וועט זיך באַקומען אַזאַ בילד:

געבאָרן געוואָרן איז שלום־עליכם אין 1859־טן יאָר אין אַ קליין שטעטל אין פּאָלטאַווער גובערניע, אין אַ יידיש בעל־הביתיש הויז.

ווען ער איז נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען, איז אים די מוטער געשטאָרבן, און דער קליינער שלומל איז געבליבן אַ יתום. אַ שוואַך קינד איז דאָס געווען מיט געקרייזלטע, בלאָנדע האָר און מיט גראָהע נייגעריגע אויגלאַך, אָבער זעהר אַ רירעוודיגס און אַ גרויסער שטיפער.

זיין טאַטע האָט, ווי פרומע יידן זאָגן, באַלד גענומען אַ באַלעבאָסטע אין שטוב, ס'הייסט פראָסט גערעדט, חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און געגעבן דעם קליינעם שלומקען און זיינע ברידערלאַך — אַ שטיפמאַמע.

די שטיפמוטער, זאָל מוחל זיין, איז געווען אַ מרשעת אַ יידענע. אַ מויל — פּעך און שוועבל, אַ פרייע האַנט אויף... פרעמדע באַקן, און האָט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל געקאָמאַנדעוועט איבער די קליינע יתומים. שלום־עליכמס ברודערל האָט זי פּאַר פעם איינמאָל געגעבן אַ זעץ אַנידער, איז ער געבליבן זיצן... אַ קאַליקע, כל זמן ער האָט דערנאָך געלעבט. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דערוואַקסענע זיינען אַלע מאָל מוחל די עולות, וואָס מען האָט זיי געטאָן אין די קינדעריאָרן און קוקן אויף דעם גוטמוטיג, מיט אַ שמייכל, האָט אָבער שלום־עליכם געהאַט אַ האַרץ אויף זיין שטיפמוטער כל ימיו, ניט געוואָלט פון איר וויסן, און קיינמאָל ניט געקאָנט איר פאַרגעסן זיינע ביטערע, קינדערשע יאָרן.

ווער עס האָט גרונדליך געלייענט שלום־עליכמס ווערק, וועט זיך דערמאָנען, אַז ווי עס קומט אים אויס צו באַשרייבן אַ שטיפמוטער, אַזוי קאָן ער זיך ניט איינהאַלטן פון אַ שטאָך טון די שטיפמאַמע און אַ זיפץ טון אויפן יתום.

מען גיט איבער, אַז דער קליינער שלומל האָט שוין ראַן, אַלס קינד, זעהר זעלטן געוויינט, אַפילו ווען מען האָט אים שלעכט באַהאַנדלט. מען פלעגט אים מזיקן, און ער פלעגט שווייגן. אפשר איז אָט דער כאַראַקטער־ריסטישער שטריך שוין ראַן געווען אַן אָנדייטונג פון דעם שפּעטערדיגן הומאָריסט. ער האָט זיך אפשר דערביי צוגעקוקט צו זיין בייזער שטיפמוטער, צוגעהערט זיך צו דעם ווייטאָג פון פאַרדינטע און ניט־פאַרדינטע פעטש און דערפאַר געשוויגן.

דעם קליינעם שלומס פֿייִקייטן אין לערנען און זיין חשק צום לייענען האָבן זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן. באַרימט איז ער געוואָרן אין שטעטל, נאָך אַלס ייִנגל, מיט זיין זעלטענעם קאַליגראַפֿישן כּתב. ווער עס געדיינקט, האָט נאָך מיט אַ יאָר צוואַנציג צוריק אין דעם ייִדישן שטעטל געהייסן אַ „געבילדעטער" דער... וועלכער האָט אַ שיינעם „פּאָטשעראָק". פֿאַר מיידלאַך האָט מען געדונגען נאָר אַזעלכן לערער, וואָס האָט אַ גוטן כּתב. אַרום אָנשרייבן אַ ייִדישן בריוו און אַ רוסישן אַדרעס האָט זיך געדרייט דאָס גאַנצע לערנעכץ. א כּלה־מיידל, וואָס האָט געקאָנט שרייבן „אַמעריקאַנער אַדרעסן" איז שוין געווען גאָר אַ גרויסע „געלערנטע".

שלום־עליכמען איז זיין שיינער כּתב אַ סך מאָל בייגעשטאַנען אין זיינע יונגע יאָרן און האָט אים אַ סך מאָל אַרויסגעהאָלפֿן אין נויט. ווען זיין פֿאָטער איז געשטאָרבן און דער יונגער שלום ראַבינאָוויץ האָט איינגאַנצן פֿאַרלאָזט זיין היים, זיין שטיפֿמוטער און געלעבט פֿאַר זיך אין דער פֿרעמד, איז זיין גוטער כּתב געווען זיין מליץ־יושר.

שלום־עליכם האָט זיך אָבער מיט זיין כּתב אַליין ניט באַנוגנט, האָט פֿלייסיג געלערנט און האָט שפּעטער באַקומען אַ געוויסן בילדונג־צענז אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. דאָס האָט אים דערנאָך געגעבן די מעגליכקייט צו ווערן ראַבינער אין לובני. אַלט איז ער דאַן געווען ניט מער ווי 21 יאָר, און פֿאַרבליבן איז ער אויף זיין פּאָסטן אַ יאָר דריי. נאָך אַרויסגעטראָגן האָט ער פֿון דאָרטן אַ מאַסע שטאָף פֿאַר זיינע שפּעטערדיגע

ווערק. אַלס ראַבינער האָט זיך שלום־עליכם באַקענט מיט יידישע „מענטריקעס״, מיט „סעמיינע ספּיסקעס״, מיט בריה־קוויטלאַך און מיט פּריזי״ניקלאַך... ער האָט זיך, אַשטייגער, דערוואוסט, אַז משה־חיים איז גאָר מאָיסעי, און מאָיסעי איז מאָשעק, און מאָשעק איז מאָשקע. אייזיק איז איציק, און איציק איז בטבע איצקאָ, און איצקאָ איז איססאַק. און אויב דער דאָזיגער איצקאָ איז געבאָרן געוואָרן אין לובני, איז ער מסתמא צוגעשריבן צו וואָראָקאָטילאָווקע, כאָטש וואוינען וואוינט ער אין בערדיטשעוו, נאָר פּריזיווירן זיך וועט ער מוזן אין קיעוו...

בקצור, דער יונגער ראַבינער האָט זיך דאָרט גאָר נאָהענט באַקענט מיט אַלע יידישע קהלשע פּאַרשרײַבעכצן, מיט אַלע פּלאָנטערישן און קאָפּדרייעניש און צרות, וואָס ער האָט שפּעטער פּאַראייביגט אין זיינע קלאַסישע ערציילונגען, ווי: דער פּריזיוו, גימנאַזיע און אַ סך אַנדערע.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט שלום ראַבינאָוויץ חתונה געהאַט אויף זיין געוועזענער שילערין — אָלגאַ, אַ איין איינציגע טאָכטער פון אַ קיעווער גביר, וועלכע האָט זיך אין אים שטערבליך פאַרליבט. דאָס איז אַ רירנדיגער פּרק אין שלום־עליכמס לעבן, שטאָף פאַר אַ גוטן ראָמאַן, וואָס אַ סך שרייבער שרייבן דערפון און לעבן לעבן עס קיינמאָל ניט איבער. — שלום־עליכם האָט אָבער געהאַט דעם גרויסן גליק צו איבערלעבן אַזאַ ראָמאַן און קיינמאָל ניט שרייבן פון אים,

קיינמאָל ניט פאַרקויפן אים בלעטלאַך־ווייז אין זשורנאַלן...
לאָמיר האָבן דרך־ארץ פאַר דעם דיכטערס אָנדייינקען און
ניט באַרירן דעם ראָזיגן אינטימען פרק. זיין צייט איז
נאָך ניט געקומען, מען זאָל פון אים מאַכן שטאָף פאַרן
טאָג־טעגליכן לעזער.

די עלטערן פון זיין פרוי (איצט — אלמנה שלום־עליכם)
זיינען געווען זעהר שטאַרק קעגן דעם שדוך מיטן „שרייי־
בער", ווי דער שטיינער איז. דער ברוגז האָט זיך
געצויגן אַ פּאָר יאָר.

אַ ביטערע צייט האָט דאַן איבערגעלעבט דאָס יונגע
פּאָר, ביז ס'איז געבאָרן געוואָרן זייער עלטערע טאָכטער.
דאַן האָבן זיך שווער און שוויגער איבערגעבעטן און
ס'איז געוואָרן שלום.

פון יענער צייט איז ביי שלום־עליכמס קינדער פאַראַן
אַ זעלטן־שיינע פאָטאָגראַפיע: אַ נאַלד־בלאָנדער יונגער־
מאַן, געקרייזלטע לאַנגע האָר, אַ בראַווער אָפּענער
פּנים, דער שטערן הויך, די אויגן פינקלען אונטער ברילן
אי שטיפעריש אי סעריאָז. איינער פון די פּנימער, צו
וועלכע מען באַקומט צוטרוי און אַ פריינטליכן געפיל,
ווי נאָר מע דערזעהט זיי. דאָס איז דער שלום־
עליכם פון אַ יאָר צוואַנציג אָדער איין און צוואַנציג.

משמעות, אַז אויסער זיינע גייסטיגע מעלות, האָט ער
נאָך געהאַט אַ סך אויסערליכע אויך. שיין, אָריגינעל.
פּראָסט אַ מצוה געווען צו פאַרליבן זיך אין אים!...

אַז דער שווער איז געשטאָרבן, איז דאָס יונגע פּאָר
ראַבינאָוויץ געוואָרן די איינציגע יורשים פון דעם גרויסן

קאַפּיטאַל, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט איבער־געלאָזט. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין יענער צייט האָט דער רובל געהאַט אַ דרייפאַכעדיגן ווערט, ווי פאַרן קריג. „ער איז אַ מיליאָנטשיק", האָט מען מיט פינף און דרייסיג יאָר צוריק גערעדט פון אַ פאַרמעגליכן יידן, וואָס האָט אַוראַי וואָסערע צוואַנציג טויזנט רובע־לעס! היינט וואָס פאַר אַ מילימיליאָנטשיק איז ראַן געוואָרן שלום־עליכם, ווען ער, אַלס איינציגער מאַנספּיל אין שטוב, איז פאַקטיש געוואָרן דער פאַרוואַלטער איבער אַ מאַיאָנטעק פון איבער דריי מאָל הונדערט טויזנט רובל?

ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס שלום־עליכם איז, ווי מיר אַלע ווייסן, גאָר קיין נאַר ניט געוועזן... אָבער לחלוטין ניט, איז ער אָבער אין געלט־און געשעפט־זאַכן געווען זעהר נאַאיוו, שטענדיג נאַאיוו. מנחם־מענדליש. גרויסע זשעסטן און קליינע תּכליתים. דאָס האָבן יידעלאַך גלייך דערשמעקט, און אַרום דעם יונגען, שפּאָגל נייעם נגיד האָט זיך גענומען אַרומדרייען די גאַנצע יעהופּיצער (ס'הייסט קיעווער...) כאַליאַסטרע, ווי: מעקלער, בירזשע־וויקעס, דרייער, פאַבריקאַנטלאַך, צוקערהענדלער, אַלע מינים פּיקס און וועלף פון קרעשטשאַטיק, פון סעמאַדענס קאַוויאַרנע, דאָרטן, וואו מען האָט נאָך פאַר דער מלחמה געטרונקען לימאָנאַר דורך אַ שטרויעלע און געקילט די „צעהיצטע געבליטן" און געמאַכט געשעפט אויף וואָס די וועלט שטייט און אומגליקליך געוואָרן...

און שלום־עליכם, ווי יעדער ייד „מיט אַ גוטן־קאָפּ", האָט, נאַטירליך, באַלד געוואָלט וויזן גבורה: „אויב

געשעפט, טאָ לאָזט מעך!" אַ צייט האָט ער יאָ געכאַפּט אַ היפּשע סומע פאַרדינסט, נאָר דאָס איז שוין אַ כּלל: יעדער געוואונענער רובל אויף דער בערזשע קאָסט דערנאָך אַ סך רובלס רבי־געלט. קורץ און גוט: שלום־עליכם איז סוף כּל סוף ברי׳ל הדל געוואָרן. ניט מיט איין מאָל איז עס געשעהן. פאַמעליך אָבער זיכער זיינען אָנגעקומען די שלעכטע טעג, ביז ער איז געוואָרן אַ אָרימאַן.

און דאַן, ווען זיינע קאַפּיטאַלן האָבן שוין געהאַלטן אין איין זינקען, האָט שלום־עליכם צו אַלע זיינע ברי־ליאַנטענע געשעפטן געמאַכט נאָך איין „בריליאַנטענעם" געשעפט און געגומען אַרויסגעבן זיין באַרימטע „פאָלקס־ביבליאָטעק", וואו עס האָבן זיך פאַראייניגט די בעסטע ליטעראַרישע קרעפטן פון יענער צייט, אָנהויבנדיג מיט אונזער זיידן מענדעלי און ענדיגנדיג מיט שאַצקין, וועלכער האָט זיך דאַן באַרימט געמאַכט מיט זיין „יורישען ערב־פּסח".

די זאַמלביכער פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" האָבן ניט קוקנדיג אויף זייער סאָלידן פּרייז, געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. שוין דער ערשטער בוך איז זיך צעגאַנגען אין מער ווי פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן, און שלום־עליכם וואָלט דערצו געווים ניט צוגעלעגט, ווען ניט די מוראָדיגע פּרייזן, וואָס ער האָט געצאָלט מיט ברייטער האַנט זיינע חברים־שריפטשטעלער פאַר זייער אַרבעט; אָפט מאָל אויך פאַר ניט געדרוקטער אַרבעט... אויסער דעם, האָט ער יעדן אָנגעזעהענעם שריפטשטעלער באַלד איינ־

געלאַדן צו זיך קיין קיעוו און מען האָט געלעבט צוזאַמען וואָכן־און חדשים־לאַנג, „ווי ביי גאָט אין אָרעם״. —

כּדי צו געבן אַ וואָסערן ס׳ניט איז באַגריף פון שלום־עליכמס ברייטער האַנט און פריילעכן הומאָר פון יענער צייט, גיב איך דאָ איבער דור פרישמאַנס ווערטער, ווי ער האָט עס מיר דערציילט מיט אַ יאָר צען צוריק:

...אין איין העלן פריהמאָרגן, מיין איך: אין איין בלאָ־טיגן אָוונט... אַזוי האָט פרישמאַן אָנגעהויבן זיין מעשה פון די פאָלקס־ביבליאָטעק־צייטן, באַקום איך פון שלום־עליכמען אַ רעפּעשע קיין וואַרשע: „שיקט מיר אַ פּאָעמע. דעם האָנאָראַר באַשטימט אַליין!״

פערזענליך האָב איך נאָך דאַמאָלסט שלום־עליכמען ניט געקענט, און כּדי צו דערשרעקן אים און אָפּשלאָגן אים דעם חשק צו פּאָעמעס, טעלעגראַפיר איך אים קיין קיעוו גאַנץ לאַקאָניש: „600 ציילן 50 קאָפּ. אַ שורה״. כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳וועט ווירקן ווי אַ באָמבע. באַקום איך אָבער גלייך אַ נאָך מער לאַקאָנישן ענטפער דורך אַ רעפּעשע: „איך גיב אַ רובל אַ שורה. שיקט!״ איך האָב אים דאַן אַוועקגעשיקט מיין יידישע פּאָעמע „אופיר״, וועלכע האָט אין יענער צייט (מיט מער ווי דרייסיג יאָר צוריק) געמאַכט אַ שטיקל רשם. גלייך נאָכדעם האָב איך באַקומען דעם האָנאָראַר דורכן טעלעגראַף און, אויסער דעם, אַ איינלאַדונג, איך זאָל קומען למען השם קיין קיעוו אַ ביסעלע פאַרברייננגען. נאַטירליך אַלץ מיט טעלעגראַמעס. שלום־עליכם האָט האָלט געהאַט דעם ברייטן ושעסט פון אַן עשר. אויסער דעם, האָט ער

דאַן ליב געהאַט צו טומלען זיך בײַ יעדער געלעגנהייט. ער אַליין האָט דאַן שטאַרק געהאַלטן פון יידיש־טוחרישן כּלל: „למען־השם, להרבות ברעפּעשען!“ ס׳הייסט, וואָס מער געקלאַפּט אין טעלעגראַף אַרײַן, אַלץ געזונטער איז עס פאַרן מסחר...

מילא, נעמען איך דערציילן, וואָס ס׳האָט זיך מיט מיר אָפּגעטאָן בײַ שלום־עליכמען אין שטוב, איז עס אַ לאַנגע מעשה. דאָס „ביסעלע פאַרברייענגען“ איז גראָד געווען אַ היפּש־ביסל פאַרברייענגעכץ. נאָר ניט דאָס בין איך אײַך אויסן. אַציגר שטעלט איך פאָר אַ הייסן זומער־טאָג. שלום־עליכם און איך זיצן מיר אָהן רעקלאַך אין דער רעדאַקציע פון „פאָלקס־ביבליאָטעק“, און מיר זיינען פאַרנומען ביז — איבערן האַלז... ס׳הייסט: מיר רויכערן האַוואַנער ציגאַרן און מיר קנאַקן אַ ברענענדיגן זעקס און זעכציג, אַז ס׳גייט אַ רויך... אין קאָן שטייט אַ שאָק מיט געלט. אוראַי... הונדערט שורות האָנאָראַר פאַר מיין פּאָעמע, אויב ניט מער... מיט אַ מאָל... יאָ, מע קלאַפּט אין טיר! וואָס איז? אַ שרייבער איז געקומען, אַ שרייבער! פאַרשטייט איר דאָך מיט דעם אייגענעם שכל, אַז מיר כאַפּן און פאַרשטעקן דאָס טעשל קאָרטן אונטער אַ בלאַט קאָרעקטור און ציהען אויס לאַנגע זעהר סער־ריאָזע, רעדאַקטאָרישע פּנימער! מאָלט איך אויס, אַז אין רעדאַקציע לאָזט זיך אַרײַן אַ קליין יידעלע מיט אַ גרויסן כּתב־יד. איינער פון די שרייבער, וואָס טראָגן זיך אַרום דאָס גאַנצע לעבן מיט זייערע מאַנוסקריפּטן און מאַכן קראַנק אַלע רעדאַקטאָרס.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר. זיצט. וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— איך האָב — מאַכט דער „שרייבער" — געוואָלט זעהן דעם רעדאַקטאָר שלום־עליכמען, האָב איך געוואָלט זעהן. געבראַכט אַ כתב־יד...

ניט מיר שלום־עליכם אַ וואונק. פאַרשטיי איך ניט. ווייזט אָן שלום־עליכם אויף מיר און זאָגט דעם יידל:

— אָט זיצט דער רעדאַקטאָר שלום־עליכם. איך בין זיין סעקרעטאַר דוד פרישמאַן. וואו איז אייער שרייבעכץ?

אַזוי ווערט אין איין אויגנבליק פון שלום־עליכמען — פרישמאַן, און פון מיר ווערט שלום־עליכם. נעמט דוד פרישמאַן, ס'הייסט אין אמתן שלום־עליכם, דעם שרייבערס כתב־יד און ווענט אים אויף דער רעכטער האַנט, דערנאָך אויף דער לינקער, און איך קוק וואָס דאָ וועט זיין.

— פאַני, שלום־עליכם! — ווענדעט זיך צו מיר דוד פרישמאַן, ס'הייסט שלום־עליכם — זאָל איך גיין ברייננ־גען די וואָגשאָל?

ווייס איך ניט, וואָס ער מיינט דערמיט און שווייג. מאַכט צו מיר דוד פרישמאַן, ס'הייסט שלום־עליכם, נאָך אַמאָל:

— פאַני שלום־עליכם, מע באַדאַרף דאָך אָפּוועגן דעם מאַנוסקריפּט, זאָל איך ברייננען די וואָגשאָל?

זאָג איך:

— מילא, פאַני פרישמאַן, ברייננט!

געדויערט עס ניט קיין צוויי מינוט, שלעפּט אַריין שלום-עליכם פון קיך אַ גרויסע וואַנשאַל, לייגט אַרויף דעם געבראַכטן כתב־יד אויף איין טעצל און אויף דעם צווייטן טעצל לייגט ער גאָלדשטיקלאַך און קוקט, וויפיל סע וועגט אויף גאָלד, און אַלץ מיט זעהר אַן ערנסט פּנים.

ווי אַזוי דער מחבר אַליין האָט דערביי אויסגעזעהן, — דאָס לאָז איך איבער אייער אייגענער פאַנטאַזיע. איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז ער איז דערביי געשטאַנען אַ מבולבלער, און עס האָט פון אים געגאָסן מיט שווייס.

— באַרוהיגט אייך — מאַכט צו אים „דוד פרישמאַן", ס'הייסט שלום־-עליכם — פּאַר גוטע שרייבערס צאָלן מיר מיט גאָלד גלייך. וויפיל רענדלאַך סע וועגט, אַזוי־ פיל באַקומט דער מחבר. מ ע ר קאָנען מיר בשום אופן ניט צאָלן... אויב איר זענט ניט מסכים אויף אַזאַ פּרייז, מוזן מיר אייך דעם כתב־יד צוריקגעבן.

— ניין, ניין — שטאַמלט דער מחבר — איך בין מסכים, מסכים...

— הייסט דאָס, זענט איר יאָ מסכים! — מאַכט צו אים דוד פרישמאַן מיין סעקרעטאַר, ס'הייסט שלום־ עליכם — אַגו, פּאַני רעדאַקטאָר, ווענדעט זיך שוין שלום־ עליכם צו מיר — זייט נאָר אַן עדות, אַז דער שרייבער איז מסכים אויף אַזאַ פּרייז. אַ סוף, ס'איז אָפּגעמאַכט! אַז מע וועט איבערלייענען און עס וועט טויגן פאַר דער „פאָלקס-ביבליאָטעק", באַקומט דער מחבר אַזוי־ פיל גאָלד, וויפיל עס וועגט.

איין קליינינקייט: „אַז מע וועט איבערלייענען און ס'וועט טויגן"... און אַז דער אָרימער מחבר האָט אין אַ וואָך אַרום באַקומען זיין מאַנוסקריפּט צוריק, מיט אַ רויטער אויפשריפט, אַז עס טויג ניט, איז ער שיער אין חלשות ניט געפאַלן. כּדי אים אָפּצומינטערן, איז נאָר געבליבן איין סגולה: באַצאָלן אים פאַר אומזיסטע האַרצקלאַפּעניש. און דאָס האָט שלום־עליכם געטאָן מיט דער פולער האַנט...

עס איז אַלזאָ קיין וואונדער ניט, אַז ביי אַזעלכע האָנאָראַרן, געשעפטן, שטיפעריַיען איז שלום־עליכם גיך פאַראָרימט געוואָרן. אויסער דעם, האָט ער נאָך אין יענער צייט געשריבן זיין ראָמאַן „סטעמפּעניו"; גאַנצענע טעג, אַזוי דערציילן זיינע נאָהענטע, איז שלום־עליכם אומגעגאַנגען אַ פאַרחלומטער, ניט געגעסן, ניט געשלאָפן. טאָג און נאַכט ווי אין היגער־פלעט. פאַרוואָרפן אַלע געשעפטן. גראָד דאַן איז געווען אַ גרויסער קריזיס אויף דער בערזשע. קומען צולויפן די מעקלערלאַך, אַזוי און אַזוי פאַני ראַבינאָוויץ... דאָ מוז מען „רעקן", דאָ מוז מען „לעשן". און צייט צו באַטראַכטן איז ניטאָ. גיט זיי שלום־עליכם, וויפיל מע זאָגט אים. דער ראָמאַן „סטעמפּעניו" האָט אים אויף אַזאַ אופן אַ גאַנצן פאַרמעגן אָפּגעקאָסט, אַ סך אַ סך מער, וויפיל ער האָט פאַר אים דערנאָך „אָפּגעלייזט"...

ווי נאָר חברה סוחרים, מעקלער, צוקער־הענדלער און גלאַט גוטע ברידער האָבן דערשמעקט, אַז דער „מאַטע־ריאַל" גייט אויס, איז מען זיך צעפלויגן. און שלום־

עליכם האָט מיט אַמאָל דערשפּירט, וואָס הייסט האָבן און פאַרלירן און וואָס הייסט „מיינע“ און „דיינע“. אַלע טירן האָבן זיך מיט אַמאָל פאַרשלאָסן, אַלע זיסע פּנימער זיינען מיט אַמאָל געוואָרן זויער. אַלע וואָס האָבן בײַ אים געליען און גענעסן און געטרונקען האָבן אויפגעהערט צו דערקענען אים. עס זיינען שפּעטער אָנגעקומען נאָך מער ביטערע צייטן, ווען שלום־עליכם, שוין אַ אָנערקענ־טער שרייבער און הומאָריסט, פלעגט קומען פאָר־לייענען זיינע ווערק פאַר זייגע אַמאָליגע בערזשע־קאַ־מעראַדן, כּדי מאַכן זיי לאַכן... דערפאַר פלעגט דער געפאַלענער גביר און אויפגעקומענער פאָלקס־שרייבער באַקומען באַצאָלט, אויב אַ סך איז אַ פינף און צוואַנציגער.

פון דער ראָזיגער שווערער צייט האָט שלום־עליכם אַרויסגעטראָגן אַ טיפע, באַהאַלטענע פאַראַכטונג קעגן נגידים און גבירים און האָט זיך נאָך מער דערנעהענטערט צום פּראָסטן פאָלק, וועמען ער האָט פון תּמיד אָן ליב געהאַט. זיין פאַראַכטונג האָט ער אַפילו אין קבר מיט־גענומען. ווי עס איז באַקאַנט, בעט ער אין זיין צוואָה, מע זאָל אים מקבר זיין נאָר צווישן פּראָסטן עולם.

שלום־עליכם, דערמאָן איך זיך, האָט זיך אַזוי איינמאָל אויסגעדריקט אין אַ שמועס, ווען עס איז געקומען צו רייד פון גבירים:

— אם ירצה השם, אַז גאָט וועט העלפן און איך וועל אַ צ י נ ד ווערן אַ „מיליאָנטשיק“, וועל איך מיר פריי־הער אַליין גוט אָפּשמייסן. שמייסן און אונטערזינגען זיך

אַליין: גערייכט, זײַ ניט קיין פּאַרך! גערייכט, זאָלסט ניט זיין קיין חזיר!... דערגאָך, מילא, וועל איך שוין ווערן אַ גביר. דאָס לעצטע העמד פאַרקויפן און אַ נגיד ווערן, ווייל, צווישן אונז גערעדט, אַ גביר צו זיין איז גאָרניט פון די שלעכטע זאַכן. בורזשוי אַהער, בורזשוי אַהין... לאָמיר זיך ניט נאַרן... ס'איז, אייגנטליך, גאָרניט פון די שלעכטע זאַכן!

נאָר איידער שלום־עליכם איז אינגאַנצן אַוועק פון מסחר, האָט ער זיך נאָך לאַנג אַרומגעשלאָגן, געאַרבעט און געטומלט זיך אין אַלערליי עסקים. ס'וועט זיין איבעריג אויך, ווען מיר וועלן נעמען דערציילן אַלץ, וואָס שלום־עליכם האָט דורכגעמאַכט. דאָס אַלץ שטייט פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין זיין שעף־ד'עוור: „מנחם מענדיל פון יעהופּיץ". צען מאָל אין חדש נייע פּלענער, מיט נייע געשעפטן, מיט נייע קאָפּדרייענישן. און צען מאָל אין חדש אַרויס אַ נשרף. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין לעצטן, סאַמע שלעכטן געשעפט — ליטעראַטור.

און דאָ האָט שלום־עליכם אויפגעבליהט מיט זיין גאַנצן קינסטלערישן וואוקס, מיט זיין גאַנצער שאַפּנדיגער קראַפט. דער רייכער מאַטעריאַל פון אַזוי פיל איבער־לעבונגען האָט זיך פאַראייניגט מיט זיין געבענשטן הומאָר און האָט אויפגעשפּרודלט, ווי אַ נאַטירליכער שפּריץ־ברו־נען, פאַרפלייצט דאָס גאַנצע פאָלק, קליין און גרויס, מיט זיין ברויזנדיגן, פריילעכן שוים. ווער ווייסט? אפשר האָט דאָס נאָר דער גרויסער טאַלענט צעבראָכן אַלע מסחרישע

פֿלענער, וואָס שלום־עליכם האָט אים אויפֿן וועג גע־
שטעלט... געבראָכן האָט ער זיי, דער געדריקטער, ניט־
באַפֿרידיגטער טאַלענט, אַלץ חרוב געמאַכט אַרום זיך,
ביז ער האָט ז י ך און שלום־עליכמען אַרויסגעצויגן און
אַנידערגעשטעלט אויף דער הייך, וואו ער איז שטיין גע־
בליבן אַלס אונזער גרעסטער און פּאָפּולערסטער פֿאָלקס־
ריכטער ביז היינטיגן טאָג.

II

דערזעהן האָב איך שלום־עליכמען צום ערשטן מאָל ביי דוד פרישמאַנען. דאָס איז געווען אין ווינטער 1905, נאָך די געשעהענישן פון 9־טן יאַנוואַר, ווען די בלוטיגע אומרוהען האָבן זיך פון פּעטערבורג אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע. שלום־עליכם איז דאַן אַראָפּגעפאָרן קיין וואַרשע איינצואָרדענען זיינע, מ׳שטיינס געזאָגט, ליטע־ראַרישע געשעפטן מיט זיינע פאַרלעגער און איז איינ־געשטאַנען ביי זיין אַלטן חבר.

דער פּאַרפּאַסער פון „סטעמפּעניו“, „מנחם מענדיל“ און „פּעקלאַך“ — און אַריינגעגאַנגען אין פרישמאַנס קאַבינעט מיט לייכטע בחורישע טריט. אין זיין גיין האָבן זיך ניט געפילט זיינע עטליכע און פערציג יאָר, וואָס ער איז שוין דאַמאָלסט אַלט געווען. דאָס איז געווען אַ לייכטער, אַביסעלע וואַקלענדיגער גאַנג פון אַ יונגען מאַן, וואָס אַרבעט שטענדיג ביים שרייב־טיש. אַ קאָפּ מיט לאַנגע, העל־קאַשטאַנענע האָר, אָהן איין גראָהע פערימל. אַ שפּאַניש טונקל־בלאָנד בערדל. אַ שוואַרצע געווענטענע בלוזע אַ—לאַ גאָרקי. ער איז דאַן געווען

אַביסעלע פאַרקילט און האָט אויפן האַלז געטראָגן אַ ווייסן האַנטוך, ווי אַ מין ווייבערישן „באַא".

— שרעקט אייך ניט — מאַכט ער צו מיר, זעהענדיג ווי איך וואונדער זיך אויף זיין האַנטוך — אַ ראַבינעריי־שער קראַגן איז עס ניט! דאָס האָב איך געכאַפּט אַ „קאַטער" און אָנשטאָט צען טיכלאַך אין אַלע קעשענעס, טראָג איך איין האַנטוך אויפן האַלז. ס'איז אַ סך באַקוועמער. אַיאָ? —

שלום־עליכם האָט שטענדיג צוגעקלערט אַזעלכע מיני באַקוועמליכקייטן. אויף דער רייזע, ווען ער האָט באַקומען דורשט און האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ סטאַנציע, פלעגט ער באַשטעלן איין גלאָז טיי און פינף טעצלאַך. אין ווילנע אויפן וואָקזאַל האָב איך דאָס פון אים איינמאָל געלערנט און באַשיימפּערליך געזעהן, אַז דאָס איז טאַקע באַקוועם.

— אַלמאַי זאָלן מיר זיך ברענען? — מאַכט ער צו מיר און גיסט פונאַנדער זיין הייסע גלאָז טיי אויף אַ האַלב טוץ טעצלאַך — אַז מיר קאָנען מפּאַיעזד לפּאָיעזד טרינקען אָפּגעקילטע טיי, איין טעצל נאָך דעם אַנדערן. דער עולם קוקט און לאַכט, זאָגט איר? נשקשה, אויף אַ צווייטער סטאַנציע וועלן זיי דאָס אַליין טון...

דאַמאָלסט, צום ערשטן מאָל ביי פרישמאַנען אין קאַבינעט, האָט זיך שלום־עליכם דערוואוסט, אַז איך וואוין אין איין גאַס מיט זיין אַלטן חבר יעקב דינעזאָן, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל דינעזאָנען איבערגעבן אַ בריוועלע. שלום־עליכם אַליין איז דאַן, ווי געזאָגט, געווען פאַרקילט, און יעקב דינעזאָן איז איבערהויפּט

ניט אַרויס פון שטוב. אין די גאַסן איז געווען זעהר אומרוהיג. און רינענזאָן האָט אַביסעלע מורא געהאַט פאַר אַ ביקס. אַביסעלע צו שטאַרק מורא געהאַט.

אין בריוועלע, געריינק איך, האָט אים שלום־עליכם געשריבן בזו הלשון:

„ליבער פריינט רינענזאָן!

אַזוי ווי פּאָני אויף דער גאַס טוט שיסן און שיסט און שלום־עליכם אין שטוב טוט ניסן און ניסט, ס'הייסט ער איז פאַרקאַטערט און פאַרקילט ר' ירחם! דעריבער בעט איך דיך, זאָלסט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב דיך ביז יעצט נאָך ניט באַזוכט א. אַ. וו."

— איר האָט אים געזעהן! — מאַכט צו מיר דוד פרישמאַן, ווען שלום־עליכם איז אַרויס פון קאַבינעט און געגאַנגען צולעגן זיך אַביסל — אָט דאָס איז אַן אמתער שרייבער! מען האָלט דאָך מיך פאַר אַ גרויסן סקעפּטיקער בנוגע אונזערע „גרויסע" און „קליינע" טאַ־לענטן. אויף אים מוז איך מודה זיין! אַרום און אַרום קאָכן אַציגר אַזעלכע געשעהענישן, דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט, וואו צו דרוקן איז ניטאָ. ער אַליין איז אונטערוועגס, פונדעסטוועגן זיצט ער זיך און שרייבט זיינע מעשות. איך כאַפּ זיך היינט אויף אין מיטן נאַכט — זעה איך ביי שלום־עליכמען אין צימער ברענט ליכט. איך גיי אַראָפּ: ס'איז האַלב־פיר דער זייגער, און ער זיצט זיך מיטן האַנטוך אויפן האַלז און שרייבט...

דאָס זעלבע איז מיר מיט עטליכע יאָרן שפּעטער אויס־געקומען צו הערן פון שלום־עליכמס קינדער:

— דער פּאַפּאַ — האָבן זיי מיר דערציילט — שרייבט שטענדיג שפּעט אין דער נאַכט. שרייבט און קייכט זיך אַליין פאַר געלעכטער. מיר האָבן זיך שוין דערצו געוויינט. אַז מיר כאַפּן זיך אַמאָל אויף פון שלאָף און דערהערן, ווי עמיצער לאַכט אין קאַבינעט, שרעקן מיר זיך ניט. מיר ווייסן, אַז פּאַפּאַ שרייבט.

שלום־עליכם פלעגט זיך באמת קראַנק־לאַכן, גאַנץ אָפט, זיצנדיג איינער אַליין ביים שרייבטיש. אָפּנים, ער פלעגט זיך דערביי פאָרשטעלן און איבערלעבן זיינע אייגענע העלדן מיט אַלע זייערע מינעס און תּנועות... דערפאַר אָבער, ווען ער פלעגט דערנאָך פאָרלעזן זיינע פאַרטיגע ווערק פאַר זיינע באַקאַנטע, אָדער פאַר אַן עולם מענטשן, פלעגט ער שוין מער קיין שמייכל ניט טון. ער האָט שוין זיין חלק אָפּגעלאַכט, ווען ער האָט געשריבן. אַצינד זאָלן אַנדערע לאַכן. דער גאַנצער זאַל אַרום אים פלעגט שטורמען פאַר געלעכטער, און דער לייענער אַליין האָט זיך דערפון קיינמאָל ניט אָנגעשטעקט, ניט איין שמייכל געטאָן. דאָס איז געווען איינע פון די גרויסע אַרטיסטישע מעלות פון שלום־עליכמען אַלס פאָרלעזער.

נאָך די צוגעזאָגטע פרייהייטן און אומגעריכטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, סוף 1905, וועלכע זיינען אַלעמען באַקאַנט, האָט שלום־עליכם מיט זיין הויזגעזינד פאַרלאָזט קיעוו און אַוועק קיין לעמבערג. דאָרטן און אין ווין איז ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן פאַר גרויסע פאַרזאַמלונגען און האָט זיך קונה־שם געווען אַלס אַ זעלטענער פאָרלייענער פון זיינע אייגענע ווערק.

פון גאַליציע איז שלום־עליכם אַוועק קיין שווייץ און פון דאָרטן קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיג זיין פאַמיליע אין גענף. אין די גרעסטע יידישע צענטערן אין אַמעריקע איז שלום־עליכם אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד, מיט גאָלדענע פעדערס און מיט זילבערנע קראַנצן, מיט באַנקעטן און באַגריסונגס־רעדעס. ער איז אויך געוואָרן שטענדיגער מיטאַרבעטער אין די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען, און זיין לאַגע האָט זיך פון דאַמאָלסט אָן פאַרבעסערט.

אויף איין גרויסן פאָלקס־באַנקעט לכּבוד שלום־עליכמען אין אַמעריקע איז אויך געקומען זיינער אַ ווייטער, פרעמדער און וועלט־באַרימטער קאָלעגע־הומאָריסט, וועמענס נאָמען עס איז מאַרק טווען. אַז מען האָט זיי ביידן באַקאַנט געמאַכט, זאָגט דער אַמעריקאַנער הומאָריסט צום יידישן:

— איך האָב געהערט, קאָלעגע, אַז איר זענט דער יידישער מאַרק טווען.

אויף דעם האָט אים שלום־עליכם גלייך אָפּגעענטפערט.

— און איך האָב געהערט, אַז איר זענט דער אַמעריקאַנער שלום־עליכם!..

אין אויסלאַנד איז מיר דערנאָך אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט שלום־עליכמען, כּמעט אין אַלע אייראָפּייאישע צענטרען, וואוהין ער איז, קומענדיג פון אַמעריקע, איינגעלאַדן געוואָרן פון פאַראיינען, געזעלשאַפטן, כּלל־טוער. שלום־עליכמס ליטעראַרישע אָוונטן און פאָרלעזונגען האָבן אַפילו אין אַזעלכע קאַך־קעסלען,

ווי פּאַריז, לאָנדאָן, ווין און בערלין געהאַט די זעלבע ווירקונג אויף די צעשפּרייטע און אָפּגעריסענע יידישע עמיגראַנטן, ווי אַ גרויסער מאַגנעט אויף אייזנשטויב, צווישן אָנגעוואָרפענע בראָכוואַרג... זיין קומען אין אַ שטאָט איז אַלע מאָל געווען דער בעסטער פּרובשטיין פאַר דעם צעטראָטענעם, האַלב־אַסימילירטן און פאַר־וואָגלטן יידנטום אין אַלע אייראָפּייאישע צענטרען אין מערב־אייראָפּע.

אַרום זיין פאָרלעזונג פלעגט זיך גרופּירן אַלץ, וואָס טראָגט נאָך אַ פונק פון יידישקייט אין האַרצן, און אַלץ, וואָס בענקט נאָך אין דער שטיל נאָך אַמאָליגע טראַ־דיציעס און פאָרמען פון דעם יידישן שטעטל, וועלכע זיינען דאָ אין דער פרעמד פאַרדייטשט, פאַרפראַנ־צויזט אָדער פאַרענגלישט געוואָרן.

שלום־עליכמס פאָרלעזונגען האָבן מקרב געווען הער־צער. ווי נאַכט־פלעדערלאַך אויף פייער, זיינען עמי־גראַנטן געלאָפן, פון די שמאָלע געסלאַך אין דער פרעמד, אויף זיינע אָוונטן. אַרום אים האָט מען זיך געפילט מונטערער, ווי אַרום אַ טאַטן, וואָס קינדער עמיגראַנטן האָבן אויסנעשריבן פון דער ווייטער היים...

און ניט אומזיסט. שלום־עליכמס פאָרלעזונגען האָבן אין זיך פאַראייניגט צוויי גרויסע אייגנשאַפטן. ערשטנס— זיין באַדייטנדער טאַלענט צו קענען פאָרלעזן, זיין אויסגעצייכנטע רוהיגע מימיק, זיין קאָפּירן אַלעמעס קולות און באַוועגונגען. און צווייטנס — דער אָביעקט אַליין. זיין הומאָריסטיש־קינסטלערישע ווערק גופא. אַ מייסטער־ווערק און אַ מייסטער־לייענען האָבן זיך דאָ פאַראייניגט.

אַ ראָפּלטער הומאָר, אַ ראָפּלטער גענוס האָט זיך דער־פון געשאַפן. און ווי אַזאַ הומאָר ווירקט אויף אַ מאַסע, וואָס איז דורשטיג נאָך אַ יידיש־וואָרט, נאָך דער פאַר־געסענער יידישער יוגנט אין שטעטל, דאָס איז לייכט צו באַגרייפן.

האָט איר אַמאָל געזעהן, ווי אַ קינד, וואָס האָט אָקאָרשט געוויינט, הויבט מיט אַמאָל אָן צו לאַכן, ווען מען באַוויזט אים אַ פאַרביגע צאַצקע? — די גרענעצן פון וויינען און לאַכן ביי דעם קינד זיינען נאָך דין און איידל. ווי אַ דורכזיכטיגע נעץ פאַרהאַנגען. גייט דאָס לאַכן אַריבער אומגעשטערט אין שלוכצן, און פאַרקערט. ביי אונז אָבער דערוואַקסענע, ערנסטע, שווערע מענשן שטייען גראָבע ווענט צווישן טרויער און פרייד, צווישן טיפקייט און לייכטזיניגקייט. זעהר שווער קומט אָן דורכ־צוברעכן אַזאַ וואַנט. אַלץ ווייטער מיר זיינען אַוועק פון אונזער קינדהייט, אַלץ שווערער ווערט דער איבערגאַנג פון געפיל צו געפיל, פון שטימונג צו שטימונג.

נאָר אַזעלכע ליכטיגע, פריילעכע, ברייטע און גוטמוטיגע טאַלענטן, אַזעלכע מענשן־קענער און קינסטלער־זעלן, ווי באָקאַטשיאָ, דיקענס, גאָגאָל, מאַרק טוועין און אונזער שלום־עליכם האָבן געהאַט דאָס גליק אָן אייביגע קינדהייט אין זיך צו באַהאַלטן און אין דער ליטעראַטור און אין לעבן אַריינצופירן.

אַז מען לייענט זיי, דוכט זיך, אַז אַלע ווענט און גרענעצן צווישן גוטס און שלעכטס פּלאַצן; אַלץ באַוועגט זיך, אַלץ שווימט צווישן כוואַליעס געלעכטער, ווי קריהעס אויף אַ טייך אין פריהלינג. די האַרטע ערד, אויף וועלכער

מיר שלעפּן זיך, ווערט ווייכער, די משׂאָ פון לעבן ווערט גרינגער. אָט דאָס איז דער כּח פון דעם אמתן הומאָר.

מיר יידן מעגן געווים דאַנקבאַר זיין דעם גליקליכן צו־פאַל, וואָס האָט אונז געשיינקט שלום־עליכמען. מיר זיינען קיינמאָל עכטע קינדער ניט געווען. געבאָרן געוואָרן פאַרטיגע יידעלאַך. צו זעקס יאָר געוואָרן חדר־ייִנגלאַך, צו זיבן יאָר — חומש־בחורים, צו ניין יאָר — גמרא־בחורים, צו דרייצען יאָר — בר־מצוה־בחורים, צו פערצען יאָר — „בחורים, וואָס זוכן ניט קיין תּכלית...“ אַזוי אונזערע פרויען, אונזער גאַנץ לעבן... וואו איז אונ־זער קינדהייט? ערגעץ אין אַ ווינקעלע דרעמלט זי ביי אַ צעריסענעם ספר... וואו איז אונזער לאַכן? לאַכן טוען מיר אַ סך, אָבער שטענדיג מיט גאַל און מיט יאַשטשער־קעס. און טאָמער טוט אַמאָל אַ ייד אַ לאַך פון פולן האַרצן פאַרבייסט ער עס גלייך מיט אַ זיפץ. ער פאַרגינט זיך ניט אַזאַ וואוילטאָג אַפילו שבת און יום־טוב. אומ־דערוואַכן — אַוראי און אַוראַי ניט.

איך קאָן ניט פאַרגעסן איין כאַראַקטעריסטישע סצענע, וואָס איך האָב אַמאָל געזעהן צווישן צוויי באַיאָרנטע יידענעס אין פאַטשיילעס, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענ־געקומען ריידן אַביסעלע רכילות, אַ קאַפּעלע לשון־הרע און האָבן זיך אַזוי פאַררעדט... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז... ביז גאָט האָט געהאָלפן... בקצור, ביז מען האָט זיך צעלאַכט. און צעלאַכט זיך דוקא מיט אַפּעטיט מיט כאַ־כאַ און כי־כי און מיט אַ קוויטש. און אַדרבא, פאַרוואָס ניט?

נאָר פּלוצלינג ווײַנען זיי אַנטשווינן געוואָרן, אָנגעקוקט זיך, איינע די צווייטע. אַביסעלע פאַרשעמט, אַביסעלע דערשראָקן, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך ביידע געכאַפּט בײַ אַן עבירה.

מאַכט איין יידענע מיט דער פּאַטשיילע צו דער צווייטער:

— הערסט דאָך, גאָלדע, אוי — אוי — אוי (אַ זיפץ), גאָט זאָל געבן, מע זאָל נאָר לאַכן.

מאַכט גאָלדע צו דער חברטאָרין:

— יאָ, באַסיע קרוין, גאָט זאָל שוין טאַקע געבן ישועות און נחמות אויף יידן, מע זאָל נאָר לאַכן.

— אַז מע זאָל נאָר לאַכן — העלפט שוין אונטער באַסיע מיט אַ קול פון תשליך און אַ ליפּ ציטערט איר דערבײַ.

— אַז מע זאָל נאָר, רבונו של עולם, לאַכן... נאָר... לאַכן... זאָגט נאָך גאָלדע און ווישט זיך די אויגן מיט אַ ברעג פּאַטשיילע.

— אַז מע זאָל... מע זאָל... לאַכן... — שטאַמלט שוין נאָך באַסיע און גיסט זיך ווי אַ ביבער.

בקצור, וואָס זאָל איך אײַך לאַנג מאריך זיין: גאָלדע און באַסיע האָבן אַזוי לאַנג גערעדט מכח דעם, „אַז מע זאָל נאָר לאַכן"... ביז מע האָט זיך ביידע צעוויינט, גאָר ניט אויף קאַטאָוועס, מיט אַ כליפּ און מיט אַ שלוכץ, ווי צוויי ביטערע הערצער.

דאָס איז נאָר אַ בילד. הינטערן בילד שטייט אָבער די זויערע פרייליכקייט פון גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס קאָן

ניט, וואָס פאַרגינגט זיך ניט הנאָה צו האָבן פון עפּעס ביזן סוף.

דער ערשטער איז צו אונז געקומען מיט אַ געלעכטער — דאָס איז מענדעלי מוכר ספרים. זיין לאַכן איז אָבער ביטער, גאַליג. ניכער איז עס סאַטירע, ניט הומאָר. זיין סאַטירע האָט אין איר צייט געבּרענט, ווי געטאָן און געהיילט ווי אַ ביטערע רפואה, וואָס מען גיט אַ קראַנ־קען... שלום־עליכמס לאַכן האָט שוין קינדהייט און לייכט־קייט מיט זיך מיטגעבּראַכט. ניט אומזיסט האָט ער אַזויפיל פון קינדערשן לעבן געשריבן. ער אַליין איז כּל ימיו געווען דאָס גרעסטע קינד פון אַלע קינדער, וואָס ער האָט באַשריבן. ער האָט דער ערשטער דאָס האַרץ פון די ברייטעסטע פאָלק־שיכטן פאַר זיך געוואונען. אים לייענען גערן רבנים און אפּיקורסים, מאַראַמען און דינסט־מיידלאַך, אינטעליגענטן און פּראָסטע לייט, אַרבעטער און לײדיגגייער. אַפילו אַסימילאַטאָרן, אַפילו פאַרברענטע „העברעאיסטן" האָבן אים מוחל געווען זיין יידיש.

פאַרמאַכט נאָר די אויגן, ווער עס האָט אַביסל פאַנטאַזיע! שטעלט אייך פאָר אַ שבת צו נאַכטס נאָך דער וועטשערע. ביי די בענק־ליכטלאַך, וועלכע שמעלצן זיך און רויכערן לעזט מען... ש ל ו ם ע ל י כ מ ע ן. מען לעזט אים אין קעלער־שטיבלאַך, אין פאַרפּוצטע זאַלן, אין מאַנסאַרדעס. הערט זיך צו, ווי עס לאַכט דער אָנגעהאָרעוועטער אַרבעטער, דער צופרידענער בעל־הבית, דאָס יונגע ווייבעל, די באָבע, די האַלב־אינטעלי־גענטקע, וואָס האַלט אַגרעש וואו פאַר איר הייליגן חוב

נ י ט צו פֿאַרשטיין יידיש... עס לאַכט דער סטודענט, דאָס דרדקי־ייִנגל; יעדער מיט זיין קול, מיט זיין נוסח. אַזאַ לאַכן איז באמת געזונט. אַזאַ לאַכן איז די שטאַרק־סטע הויב־מאַשין פֿאַר די שווערסטע טראַדיציעס, פֿאַר פלעגמאַטישע אָפּגעלאָזנקייט, פֿאַר קאָנסערוואַטיווע פֿאַר־ביסנקייט. אַזאַ לאַכן איז די ערשטע טרעפּ, וואָס פירט צום „איבערשאַצונג פון אַלטע שאַצן"; די ערשטע טרייב־קראַפט, וועלכע פירט צו באַוועגונג און אויפלעבונג.

III

דער ליאַרעם אַרום שלום־עליכמען אין אַמעריקע און אין גאַנץ מערב־אייראָפּע האָט אָבער אים אַליין געלאָזן קאַלט. עס האָט אים געצויגן אַהיים, צוריק צו יענער היים, וואו ער האָט זיינע רייכע ליטעראַרישע מאַטעריאַלן געשעפּט. אַזוי איז ער אַוועקגעפּאָרן „צו גאַסט“ קיין רוסלאַנד. דאָרטן האָט ער געהאַט אַ גאַנצע רייע פּון גרויסע פאָרלעזונגען, זיינע אָוונטן זיינען אַריין אין דער מאָרע אין גאַנץ פּוילן און ליטע. איין שטאָט האָט אים אויסגעכאַפּט ביי דער צווייטער.

דאָ האָט אָבער שלום־עליכמען געטראָפן דער ערשטער אומגליק, וואָס האָט אים דערנאָך מקצר־ימים געווען. ער איז שווער קראַנק געוואָרן אויף לונגען־אָנצינדונג און איז געבליבן ליגן אַ לאַנגע צייט אין באַראַנאָוויץ. דערנאָך איז זיין קראַנקהייט איבערגעגאַנגען אין אַ כראָנישער לונגען־שוואַכקייט.

גראָד ווען שלום־עליכם איז אַזוי קראַנק געוואָרן, איז אויסגעפאַלן זיין פינף און צוואַנציג יאָריגער ליטעראַרישער יובילעאום. זיינע גוטע פריינט האָבן דאָס אויס־

געגוצט, כדי צו געבן אים די מעגליכקייט צו באַזוצן זיך אין איטאַליע און זיך ראָרטן צו קורירן. און דאַן האָט מען ערשט דערזעהן ווי פּאָפּולער ער איז. אויף דעם ערשטן רוף פון יובילעאום־קאָמיטעט האָבן זיך אָפּגערופן כמעט אַלע יידישע צענטרען אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד מיט „שלום־עליכם־אָוונטן“ און פאַר־טראָגן. און עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ היפּשע סומע געלט, וואָס האָט געזאָלט איבערגעגעבן ווערן דעם יובילאַר אויף זיין קוראַציע. אָבער זיינע נאָהענטע פריינט, און יעקב דינעזאָן בראש, זיינען געווען קעגן דעם. יעקב דינעזאָן האָט דאַן אויסגעגעבן אַ פּלאַן אויסצוקויפן אַלע שלום־עליכמס ווערק, וועלכע דער מחבר זייערער האָט מחמת נויט פאַרקויפט פאַר גראָשנס אונזערע ליבהאַרציגע פאַרלעגער פון דעם אַלטן שניט און אַוועקגעגעבן די אויסגעקויפטע ווערק, אַלס אַ יובי־לעאום־מתנה, דעם קראַנקען שריפטשטעלער.

דער פּלאַן איז גלייך אָנגענומען געוואָרן. און שלום־עליכם איז דערנאָך דאַנקבאַר געווען זיין אַלטן חבר דינעזאָנען דאָס גאַנצע לעבן. קיין מער רייכערע און בכבודיגערע מתנה האָט מען טאַקע ניט געקאָנט צוקלערן.

די פאַרלעגער, וועלכע האָבן געירשנט שלום־עליכמען פאַר זיין לעבן, און געהאַלטן זיינע ווערק פאַר זייער „פריוואַט־אייגנטום“ האָט מען גענומען, אַזוי צו זאָגן, אויפן צימבל. ס'איז כדאי געווען צו זעהן, ווי איינינע, דוקא די אינטעליגענטישע פאַרלעגער, האָבן זיך עס לאַנג געהאַמפּערט מיטן שלום־עליכם־קאָמיטעט. ס'האָט

זיך זיי, נעבעך, ניט געוואָלט אַרויסגעבן אַזאַ שמאַלץ־גרוב פון די הענט אַרויס.

און כּך הוה, שלום־עליכמס אויסגעקויפטע ווערק האָבן שוין דאָס ערשטע יאָר געגעבן זייער פאַרפאַסער אַ שיינעם ריוח. די גרויסע רובלריגע בענד זיינען זיך צע־גאַנגען אין די צענדליגער, און די קליינע ביכלאַך אין די הונדערטער טויזנטער.

די מלחמה און די אָפּגעשניטנקייט פון וואַרשע, וואו די ראָזיגע ווערק האָבן זיך געדרוקט, האָבן דערוויייל אַ סוף געמאַכט אויך מיט דעם.

דאָס אויסלייז פון זיינע ווערק, זיינע פאָרלעזונגען און זיין שרייבן האָבן שלום־עליכמען געגעבן די מעגליכ־קייט צו באַזעצן זיך מיט זיין פאַמיליע אין נערווי, אין איטאַליע, וואו זיין געזונט האָט זיך באַדייטנט פאַרבע־סערט.

אין נערווי האָט זיך שלום־עליכם נאָר נאָהענט צו־זאַמענגעגאַנגען מיט די צוויי פּאָפּולערסטע רוסישע שריפטשטעלער: מאַקסים גאָרקי און אַמפיטעאַטראָוו, וועלכע האָבן ביידע געלעבט אין איטאַליע ווי ע מ י־ג ר אַ נ ט ן. אַמפיטעאַטראָוו האָט דערנאָך געשריבן וועגן שלום־עליכמען אַ סך באַגייסטערטע אַרטיקלען אין די בעסטע רוסישע זשורנאַלן.

ווען עטליכע געקליבענע בענד זיינען דערנאָך אַרויס אין דער רוסישער איבערזעצונג, האָט אים מאַקסים גאָרקי צוגעשיקט אַ זעהר וואַרעמען בריוו, וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו לעזן. איך געדיינק פון בריוו נאָר איין ציטאַט וועגן שלום־עליכמס קינדער־ערציילונגען:

„איך האָב געליטן", שרייבט אים מ. גאָרקי, „אייער באַנד ערציילונגען: די קינדער פון דער טשערטאַ, ליבער שלום־עליכם, איך האָב געלאַכט, איך האָב געוויינט. עס איז טאַקע צו באַרויערן, וואָס אַפּילו אונזער בעסערע רוסישע געזעלשאַפט קען נאָך ניט דאָס אמתע יידישע לעבן"...

זינט שלום־עליכם איז קראַנק געוואָרן האָבן אים די דאָקטוירים פאַרבאָטן שרייבן זיצנדיגערהייט, נאָר שטייענדיג אָדער ליגנדיג. ס'הייסט אייגנטליך האָבן זיי אים אינגאַנצן פאַרבאָטן זיין שרייבן, נאָר אַזוי ווי שלום־עליכם האָט זיי דערקלערט, אַז דאָס איז פאַר אים אַלץ איינס ווי ניט טאָרן אָטעמען, זיינען די קוראַטאָרס מיטן חולה „מושוה" געוואָרן צווישן זיך... אויף שטיין אָדער ליגן. שלום־עליכם האָט זיך לויט זיינע אייגענע צייכענונגען באַשטעלט אַ הויך קאָנטאָרקע־טישל, וואָס לאָזט זיך אויפשטעלן און צוזאַמענלייגן, ביי וועלכן ער פלעגט אַרבעטן שטייענדיגערהייט. און נאָך עפּעס אַ מין מאַכינאַציע — אויף וואָס ער פלעגט קאָנען אָנשפּאַרן די הענט ליגנדיגערהייט, ווען ער האָט ניט געקאָנט שטיין, און שרייבן. און אַזוי פלעגט ער אַרבעטן אַ סך שטונדן אַ טאָג. אָפט מאָל איז זיינע הויזינע אויסגעקומען צו צונעמען ביי אים די פען פון האַנט מיט געוואַלד און אַוועקלייגן אים אָפּרוהען, אָדער פירן אים צום געגרייטן טיש.

שלום־עליכם, ווי אַן עכטער שריפטשטעלער, וואָס האָט דורך ארץ פאַרן פּראָצעס פון שרייבן גופא, איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון שיינעם שרייב־מאַטעריאַל. ער

האָט שטענדיג ליידנשאַפטליך באַטראַכט אַ נייעם שיינעם סאָרט פּאַפּיר, אַזוי ווי אַ סקולפּטאָר באַטראַכט אַ טייער שטיק מאַרמאָר. ער אַליין האָט זיך תמיד, לויט זיין אייגענעם מוסטער, באַשטעלט אַ גאַנצע מאַסע פון אַלערליי פּאַפּיר־העפטלאַך, על פּי רוב — שמאָלינקע, לאַנגע בלאָקלאַך מיט בלאָהליכן פיינעם פּאַפּיר, וואָס רייצן ניט די אָנגעשטרייגגטע אויגן... אָהן אַזאַ בלאָקל פלעגט ער ניט אַרויס פון שטוב. איז אים עפּעס איינ־געפאַלן גייענדיג, שטייענדיג, ריידנדיג — אַרויסגענומען גלייך דאָס בלאָקל און געשריבן. אָפט מאָל פאַרגעסן אָן זיינע באַקאַנטע, וועלכע האַלטן מיט אים אין מיטן שמועסן. אַזאַ בלאָהינק בלאָקל פּאַפּיר האָט מיר איינמאָל שלום־עליכם געשיינקט, ווען איך האָב באַוואונדערט זיין שרייב־מאַטעריאַל. און איך האַלט עס נאָך ער היום צום אָנדיינקען און צום מוסטער, ווי אַזוי אַ שרייבער דאַרף פאַרערן זיין אייגענע אַרבעט.

פון נערוווי איז שלום־עליכם אַריבערגעפאָרן און באַ־זעצט זיך, מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, אין לאָזאַן (פראַנצ. שווייץ). סוף 1913 האָב איך אים דאָרטן באַ־זוכט. ער איז געווען לעבעדיג און מונטער. נאָר זיינע טריט האָבן מיר אויסגעזעהן שווערער און איינגעהאַל־טענער ווי אַמאָל. אַרום אים און אַרום זיין הויז־געזינד האָט זיך גרופּירט די גאַנצע יידישע שטודירענדע יוגנט פון לאָזאַן און ס'איז ביי אים געווען פריילעך. אָפט מאָל אין מיטן פאַרברייגגען פלעגט שלום־עליכם פאַרשווינדן פון צווישן יונגוואַרג, אָהן אַ וואָרט צו זאָגן, אויפן ענגלישן מאַניר. מיר האָבן אָבער שוין אַליין

געוואוסט, אַז דאָס האָט ער זיך באַהאַלטן בײַ זיך אין שלאָפצימער, שטייט נעבן זײַן הויכער קאָנטאָרקע און שרײַבט...

קורץ פאַרן גרויסן קריג האָט שלום־עליכם געמאַכט זײַן לעצטע ליטעראַרישע טורנע איבער רוסלאַנד. די דאָקטוירים האָבן אים אַזאַ שווערע אונטערנעמונג ניט פאַרבאָטן. ווײַל זײַן געזונט האָט זיך דאַן זעהר פאַרבע־סערט. כּמעט ניט צו דערקענען, אַז ער איז מיט עטליכע יאָר צוריק אַזוי קראַנק געווען. נאָך זײַן ליטעראַרישער רייזע איז שלום־עליכם אַראָפּגעפאָרן אָפּרוהען זיך אויפן ברעג ים, אין אַלבעק נעבן הערינגסדאָרף (אין דײַטש־לאַנד, אָסטזעע), זײַן פאַמיליע האָט אים שוין דאָרטן אָפּגעוואַרט.

אין אַלבעק האָב איך שלום־עליכמען געטראָפן נאָך אַמאָל און, לײַדער... צום לעצטן מאָל.

די מעשה איז אַזוי געווען:

אויף דער אויסשטעלונג פון 1914 אין מאַלמע (שוועדן) באַקום איך, אַ טאָג צען פאַרן אָנהויב פון קריג, אַ בריוו פון שלום־עליכמס איידעם — דער באַקאַנטער שריפטשטעלער בערקאָוויץ — און דער בריוו איז גע־שריבן בזו הלשון:

„היות, אַזוי ווי דאָ אין אַלבעק זײַנען געוויכערטע פּלונדערקעס זעהר ביליג, און אונזערע אַחינו, די קינ־דער פון ישראל, גייען דאָ אום האַלב־נאַקעט אין זאַמד אָהן אַ פּיצל בושה, און אַזוי ווי מאָרגן, איבערמאָרגן קומט אַהער צו פאָרן שלום־עליכם און עס וועט זײַן ליהורים, בכן, אויב ס'איז דיר ניחא קום אויך צופאָרן“...

בקצור, מע האָט זיך אויפגעהויבן און מע איז געקומען קיין אַלבעק. קיינער פון אונז האָט אַבסאָלוט ניט גע־פילט, אַז מיר שטייען שוין אַזוי נאָהענט פאַר אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע. אמת, די צייטונגען האָבן עפּעס דאָ און דאָרטן יאָ אַביסל געסטראַשעט, נאָר ווער קוקט אויף זיי? והא ראיה, אַזאַ קלוגער קאָפּ און פּאָליטיקער ווי נחום סאָקאָלאָוו שרייבט אין הצפירה, אַז ס'איז גאָרניט, גאָרניט שבגאָרניט... אונטערצינדער, העצער מאַכן עס דעם טומל!... קינדער, גייט אַהיים און לייגט זיך רוהיג שלאָפן!

זיינען מיר רוהיג געשלאָפן.

אַ טאָג אַכט, ניין פאַרן קריג־אויסברוך איז שלום־עליכם אָנגעפאָרן קיין אַלבעק מיט זיין פעלערינע מיט זיין הויך שרייב־טישל, מיט זיינע שייניקע פּאַפּיר־בלאָקלאַך, מיט זיינע אַמעריקאַנער גאָלדענע באַנקעט־פעדערס. אמת, זיינע האָר זיינען אים אַביסעלע שיטערער געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט, זיינע טריט — שווערער, איינ־געהאַלטענער; אָבער בכלל — דער זעלבער שלום־עליכם ווי געווען! נאָר אַ טאָג צוויי האָט ער זיך אויסגערוהט פון זיין שווערער רייזע, און אויפן דריטן טאָג האָט מען אים שוין געזעהן שטייענדיג נעבן זיין הויך טישל מיט דער טרייער פעדער אין האַנט. ער האָט זיך דאַן געאיילט צו פאַרענדיגן זיין ערשטן באַנד מעמואַרן, דעם „שיר־השירים פון זיין לעבן", ווי ער האָט עס אַליין אָנגערופן, און וועלכער איז אַרויס נאָך זיין טויט אין איין גרויסן בוך „פונם יריד".

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אַזייגער האַלב אַכט אין דערפריה, ווען כּמעט אַלע אַלבּעקער געסט גענעצן נאָך אין פוילן זיך אויפשטיין, טרעף איך שלום־עליכמען אונטן בּיים סאַמע וואַסער שוין אָנגעטאָן, אויסגע־צוואָגן, מיט דער שוואַרצער פּעלערינע אויף די אַקסלען, און איך זעה, אַז ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן.

— מיר דוכט, איר זוכט עפּעס? — רוף איך אים אָן.

— יאָ — מאַכט ער — איך וואָלט געוועהן אַ בּעלן זעהן, ווי די פישערס בּריינגען אָן די לעבּעדיגע פלונ־דערקעס. עסן זאָגט ער — עס איך זיי אַלע טאָג, און פון וואַנען זיי נעמען זיך, ווייס איך ניט.

— קומט — זאָג איך — איך וועל אייך פירן.

זיינען מיר אַראָפּגעגאַנגען ווייט הינטער די קופּאַלניעס, וואו די אַלבּעקער פישערס קומען אָן אַלע אין דער־פריה מיט זייערע לייכטע בּאַרקעס און מיט זייער לאַנגע, שמאָלע נעצן מיט בּלייעלאַך און פּראָבּקעס אַרום און אַרום, אין וועלכע עס ליגן פאַרפּלאָנטערט גאַנצע בּערג מיט פיש. אפשר אַ שעה לאַנג איז דאָרטן שלום־עליכם אַרומגעגאַנגען און מיט אַ טיפער הנאה פון אַ מענשן מיט אויגן, וואָס זעהען אַלץ מיט קינסטלע־רישן אינטערעס, האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי די פישער־קעס נעמען קונציג פונאַנדער די פאַרפּלאָנטערטע נאַסע נעצן, ווי מען ציהט פון זיי אַרויס די פיש, וועלכע הייבּען דאָרט אָן די זשאַבּרעס געריכט, געריכט — ווי די שינדלען אויפן דאַך — ווי מע שניידט זיי, רייניגט זיי, וועגט זיי און ווי מע פאַרקויפט זיי פרי־שערהייט דאָ אויפן אָרט. —

עס זיינען נאָך ניט אַריבער קיין פינף טעג נאָך שלום־עליכמס באַקאַנטשאַפט מיט די אַלבעקער פישערס, ווי עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן די מלחמה. ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג האָט זי אַריינגעשלאָגן אין די רוהיגע ים־קוראָרטן. עס איז כּדאי געווען זעהן, ווי די טויזנטער און צענדליגער טויזנטער געסט מיט זייערע ים־געצעלטן, קערבּ און בּעבּעכעס, זיינען אונטערגעכאַפּט געוואָרן ווי פון אַ שטורעם־ווינט, פאַרדרייט זיך און גענומען פליהען פון בּרעג ים, ווי די פּערערלאַך אין ווינט...

אין דעם דרייזל־שטורעם פון פּעק און פּעקלאַך, דערשראָקענע פּנימער און פאַרשמייעטע קעלנער, איז אויך שלום־עליכם אַריינגעכאַפּט געוואָרן מיט זיינע כּתבים, מיט אַלע זיינע ליטעראַרישע פּלענער...

אין אַלע וואוינונגען האָט מען אַצינד אין גרויס איילעניש געפּאַקט און געוואָרפן אין די אָפּענע קערבּ אַלץ, וואָס די הענט האָבּן נאָר אָנגעכאַפּט: שיך מיט ווייסע אויבּערהעמדער, קליידער מיט פּאָמאַדע און זייף צוזאַמען, בּיכער מיט גלעזער איינגעמאַכץ, צייך־בּערשטלאַך מיט שוואַקס... און שלום־עליכם איז אַרומגעגאַנגען אויף דער ווסטער גאַס אין אַלבעק, בּלייך־געלב האָט זיין פּנים אויסגעזעהן, און פאַר זיינע בּיידע הענט האָבּן זיך געהאַלטן זיינע צוויי אייניקלאַך, קליינע מיידעלאַך, איינע אַ שוואַרצע, די אַנדערע — אַ בּלאָנדע.

— איר זעהט? — מאַכט ער צו מיר, ווען איך האָבּ אים דערזעהן אין דער ראָליע פון אַ קינדער־פרייזלין — מיין משפּחה פּאַקט זיך דאָרטן... און אונז „דריי פּיצלאַך קינדער" האָט מען משלח געווען פון שטוב...

געבעטן מוחל זיין ניט פּלאָנטערן זיך צווישן די פיס, ביז מע וועט אַלץ פאַרפּאַקן...

אין אַ שעה אַרום זיינען מיר שוין אַלע געפאָרן אין איין אָנגעפּאַקטן שלעף־צוג קיין בערלין, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע וואַגאָנעס. קיין כבודים זיינען שוין מער ניט אָנגעגאַנגען. וואו מע האָט געקראָגן אַן אָרט, איז מען געשטאַנען... ניט געזעסן, נאָר געשטאַנען. ווייל אין איין קופּע, וואו עס גייען אַריין זעקס מענשן, זיינען אַצינד געשטאַנען זעקס און צוואַנציג.

אַ סטאַנציע פאַר שטעטין, האַלב וועג צווישן אַלבעק און בערלין, בין איך אַראָפּגעשפּרונגען כאַפּן אַ טרונק וואַסער, האָב איך דערזעהן שלום־עליכמען, ווי ער שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע, די רעכטע האַנט פאַרלעגט אין בוזעם און כאַפּט לופט.

— ווי פילט איר זיך? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

ער האָט צו מיר שוואַך אַ שמייכל געטאָן:

— אַשטיינער... ווי נאָך אַ באָר.

מיינענדיג אַוראַי, אַז ער האָט מיר צו לאַקאָניש גע־ענטפערט, האָט ער באַלד צוגעגעבן:

— אַ שיינע באָר האָט זיך אויסגעלאָזט פון אונזער ראַטשע, וואָס?

איך האָב, באמת, דאַן ניט געגלויבט, אַז דאָס מאָל, אין דער דאָזיגער פּאָזע זעה איך אים שוין צום לעצטן מאָל אין מיין לעבן. ווען איך וואָלט עס דאַן געוואוסט, וואָלט איך אים ניט אַזוי גיך פאַרלאָזט, וואָלט איך זיך צו אים בעסער און טיפער צוגעקוקט...

שלום־עליכמען מיט זיין פאַמיליע איז פונדעסטוועגן געלונגען אין דערזעלבער נאַכט אָדער אַ נאַכט שפּעטער (ס׳הייסט דעם 2־טן אָדער 3־טן אויגוסט 1914) אַריבערכאַפּן זיך די גרענעץ און אַריינפאָרן קיין קאָפּענהאַגן. ווי אַזוי ער האָט געשוואַרצט די דייטשע גרענעץ צוזאַמען מיטן אַמאָליגן רוסישן מיניסטער קאַססאָ, האָט ער אַליין באַשריבן.

דורך פּריוואַטע בריוו און גרוסן דורך באַקאַנטע האָב איך זיך זעהר שפּעט דערוואוסט, אַז פון דאָרטן איז שלום־עליכם אַוועק צום צווייטן און צום לעצטן מאל אַוועק קיין אַמעריקע. אַוועק איז ער נאָר מיט זיין ווייב, מיט זיין מוזיניקל און מיט זיין איידעם. די איבעריגע קינדער זיינען געבליבן וואוינען אין קאָפּענהאַגן.

שלום־עליכם האָט זיך פריהער געוועז נעסטאַרעט, דורך דער בערלינער ציוניסטישער ביוראָ, מע זאָל אים ערלויבן דורכצופאָרן דורך דייטשלאַנד קיין שווייץ, ווייל דער פייכטער קלימאַט פון דענעמאַרק איז פאַר אים און פאַר זיין עלטערן זון מיכאל טויט־שעדליך. אַלע השתדלותן האָבן אָבער ניט געהאָלפן, און ער איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אין קאָפּענהאַגן איז אויך געבליבן זיין עלטערער זון מיכאל, דער סטודענט פון לאָזאַנער אוניווערסיטעט. אַ בלאָנדער, הויכער און זעלטן שיינער בחור פון אַ יאָר דריי און צוואַנציג, אָבער שוואַך אויפן ברוסט, ווי זיין פאָטער.

אין קאָפּענהאַגן איז מיכאל קראַנק געוואָרן. די קאַלטע נאַסע ים־לופט פון די נאָרדישע לענדער האָט

אים פֿאַרשאַרט, און ער איז אַריין אין אַ סאַנאַטאָריע, אין זיך־שווערן. דאָס בלייבן איינער אַליין אין אַ פֿרעמדער סביבה, אָפּגעריסן פֿון די עלטערן און שטענדיג אויפֿגע־רעגט פֿון אַלע געשעהעענישן, האָט דאָס דער יונגער ראַבינאָוויץ ניט אויסגעהאַלטן, איז זעהר מעלאַנכאָליש געוואָרן און געשטאָרבן; אויסגעגאַנגען אַלס אַ אומ־דירעקטער קרבן פֿון דער מלחמה.

דער עצם פֿאַקט פֿון זיין זונס טויט איז געווען גענוג צו דערשיטערן שלום־עליכמס שוואַך געזונט. קיין האַלב יאָר איז ניט אַריבער, און דער פֿאָטער האָט זיך אויך אַוועקגעלעגט. ער האָט צו פֿיל געליטן אין זיך אַליין...

שלום־עליכם האָט איבערהויפּט זיינע טיפֿערע גע־פֿילן, זיינע אינטימע איבערלעבונגען קיינמאָל ניט געטראָגן אויפֿן פּנים, קיינמאָל ניט אָנגעוואָרפֿן אויף פֿרעמדע פּלייצעס. אין אַזעלכע מאָמענטן פֿלעגט ער, ווי יעדער איידעלער כאַראַקטער, זיך אָפּזונדערן און שווייגן. — און מיט אַמאָל איז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה, אַז אונזער פֿאָלקס־דיכטער איז דעם 13־טן מאַי געשטאָרבן, ניט דערלעבט אַפֿילו דעם סוף פֿון דער מלחמה, נאָך וועלכן ער האָט אַזוי גענאַרט, גלויבנדיג אין אַ בעסערער צוקונפֿט פֿאַר דער גאַנצער וועלט און פֿאַר יידן...

די, וואָס האָבן גוט געוואוסט, ווי צוגעבונדן עס זיינען געווען פֿאָטער און זון און ווי קראַנק זיי זיינען ביידע, האָט די צווייטע טרויעריגע ידיעה, פֿון פֿאָטערס טויט, ניט איבעררַאשט. מען האָט נאָר געטריבן פֿון זיך די מחשבה... פֿון שלום־עליכמס צוואה איז דערנאָך

געווען צו זעהן, אַז טאַקע נאָר דער טויט פון זיין זון האָט אים די יאָרן פֿאַרקירצט.

אָט אַזוי האָט שלום־עליכם אויף זיין 56 לעבנסיאָר פֿאַרענדיגט זיין פילזייטיג לעבן, פול מיט וואָגלעניש, רייכטום און אָרימקייט, אָנשטריינגונגען און אַרבעט. ניט אַלע באַרימטע שריפטשטעלער קאָנען זיך מיט אים אין דער הינזיכט פֿאַרמעסטן.

אויף קאָלומבוסעס ערד איז ער געשטאָרבן, מיט דער רייזע־טאַש, דוכט זיך, אויפן אַקסל און מיט דער פעדער אין האַנט... אָפגעריסן דורך ימים וואַסער און בלוט פון זיינע רוסיש־יידישע ברידער, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט.

ניט גרויס איז די ירושה, וואָס ער האָט זיינע אייגענע יתומים איבערגעלאָזט, דערפֿאַר אָבער, איז גרויס די ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט די יתומים פון גאַנצן יידישן פֿאָלק. ניין, דאָס גאַנצע פֿאָלק, זיינע גייסטיגע יורשים, האָבן זיך געוויס ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן. זיבעצען גרויסע בענד פון זיינע שריפטן און הונדערט פופציג קליינע ביכלאַך זיינען שוין, דורך זיין יובילעאום־קאָמיטעט אין וואַרשע, ביזן קריג ארויסגעגעבן געוואָרן. כמעט דאָס דאָפּלטע איז אַרויס אין ניו־יאָרק פֿאַר די יאָרן פון מלחמה. אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, געפינען זיך נאָך אין שלום־עליכמס ירושה נאָך אַ סך שריפטן, האַלב־געדרוקטע און גאָר־ניט געדרוקטע, אַלטע און נייע, און ס׳וועלן זיך צו־זאַמענגעמען נאָך גוטע צוואַנציג בענד, אויסער ליטע־ראַרישע בריוו, פעליעטאָנען און ניט־פֿאַרענדיגטע מאַ־

נוסקריפּטן. דאָס איז נאָך אַ גאַנצער אוצר פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, אַ שפּרינג־בּרונען פֿון טרייסט און געלעכטער, וועלכער איז נאָך דערווייל פֿאַרשלאָסן. אויפֿגעבראָכן, וועט ער נאָך פֿאַרפֿלייצן די ייִדישע מאַסן מיט כוואַליעס פֿון הומאָר, געזונטן געלעכטער, אין וועלכן זיי גויטינגן זיך אַזוי.

„לאַכן איז געזונט!“ — האָט געזאָגט שלום־עליכם. ער אַליין איז פֿון זיין לאַכן שטענדיג קראַנקער געוואָרן. מיר אַלע זיינען פֿון אים געוויס נאָר אַ סך, אַ סך געזינטער געוואָרן.

„כלל־ביכער“

1. פראָספער מערימע: קאַרמען (פון פראַנצויזיש)
2. אַנאַטאָל פראַנס: דער פּראָקוראַטאָר איבער יהודה און אַנדערע דערציילונגען (פון פראַנצויזיש)
3. גאָטפריד קעלער: זיבן מעשיות (פון דייטש)
4. יאָזעף אייכנדאָרף: זכרונות פון אַ שטיפער (פון דייטש)
5. אַדאַלבערט פאָן שאַמיסאָ: פּעטער שלעמיל — דער מענטש אָהן אַ שאָטן
6. צבי הירשקאַן: פון דערוויטנס (וואַנדערער, וועגן, שטראָמען)

אין דער סעריע „כלל־ביכער“ וועלן מיר געבן אויסשליסליך גרעסערע בעלעטריסטישע ווערק, אָריגינעלע און איבערזעצונגען, פון די בעסטע שרייבער.

*

„כלל־ביבליאָטעק“

1. ח. נ. ביאַליק: צער און צאָרן
2-3. א. נ. גנעסין: מעשה אָטעלאָ און סאַמואיל סאַמואילאָוויטש
4. ה. ד. נאָמבערג: אין אַ פּוילישער ישיבה
5. צבי הירשקאַן: ניט הינטער אַ פּלויט
6. ערנסט מאַך: צוליב וואָס האָט אַ מענטש צוויי אויגן
7. מ. ווישניצער: יידישע צעכן אין פּוילן און ליטע
8-9. י. וואַגנער: מעשיות וועגן פייער און ליכטיגקייט
10. י. שטיינבערג: אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל

11. ריקארדא הוך: דער יידישער קבר
12. י. אדורען: דער נר צדק פון שלעזיע
13-14. יו. וואגנער: מעשיות וועגן ערד
15-16. ג. פלאַבער: העראָדיאַדע
17-18. קולבאק: לידער
19-20. בעל־דמיון: הומאניזם אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור
21-22. ז. שניאור: פון דעם ווידנס קוואל (מענדעלי מוכר ספרים ווערטלאך)
23-24. ז. שניאור: שלום־עליכמס אנדיינקען
25-26. בעל־מחשבות: דרום־יידן און יידישע ליטעראטור (היסטאָריש־קריטישע שטודיע)
27-28. ר' נחמן בראצלאַווער: ספורי מעשיות
29-30. 〃 〃 〃 〃
31-32. 〃 〃 〃 〃
33-34. י. שטיינבערג: באשטאנעס
35-36. יו. וואגנער: מעשיות וועגן לופט
37-38. וו. לאצקי־בערטאָלדי: גזרת דעניקין
39-40. מאַנטאַן: אונבאשטאנדינקייט און טויט
41-42. בעל־מחשבות: נראָבין (מוסרניקעס)
43. קורט יועל: ברויט פון לופט
44-45. 〃 〃 גאָלד פון בלייַ
46. 〃 〃 וועלט־שטימע און וועלט־אויער
47-48. נתן האנאָווער: פון טיפן זופּ—גזרת כמעלניצקי איבערגעזעצט פון העבראיש (יון מצולה)
49-50. חסידישע מעשיות
51-52. א. ל. לעווינסקי: אין הונדערט פופציג יאר ארום

ס'ווערט צוגעגרייט א גאנצע רייה ביכלאך פון פילאָזאָפישע שריפטן: בודא, לאַאָטזע, עפּיקטעט, שפּינאָזא, פּאסקאל, שאָפּענהויער און בערגזאָן.

ח. נ. ביאַליק / שירים

אויף יידיש

(לידער און פּאָעמען)

אַ נייע אויסגאַבע מיטן נייסטן מחברס פּאָרטרעט. אייניגע לידער זיינען אויף ס׳ניי באַאַרבעט פונם מחבר.

✡

ה. ד. נאָמבערג / געזאַמלטע ווערק

אַ גייע אויסגאַבע פון אַלע ווערק.

✡

ה. ד. נאָמבערג / די משפּחה

(אין פיר אַקטן)

אַ בילד פון די טיפע קאָנפליקטן איבם יידישן משפּחה-לעבן, פון די פאַרשיידענע אינעווייניגע שפּאַלטונגען, וואָס דער נייער אייראָפּייאישער געדאַנק האָט גורם געווען, אַריינקומענדיג אין דער יידישער גאַס.

✡

פר. מאַרקוס-שאַליט / מענשעלאַך און סצענעס

16 גראַפישע צייכענונגען צו שלום-עליכמס בוך: „מאָטל פּייסע דעם חזנס".

באַלייט-וואָרט — בעל-מחשבות (ד״ר י. עליאַשעוו)

די דאָזיגע צייכענונגען זיינען דער ערשטער געלונגענער פּרוב אַ טייל פון שלום-עליכמס וועלטל פאַרצושטעלן אין דער גראַפישער קונסט. שלום-עליכמס ווערק זיינען די דאַנקבאַרסטע אויפגאַבע פאַר אַ גאָט געבענטשטן גראַפיקער. די צייכענונגען זיינען נישט קיין פּשוטע אילוסטראַציעס צו שלום-עליכמס בוך, נאָר זיי העלפן דעם לעזער דורכן קינסטלערס צייכענונגען טיפער אַריינדרינגען און פאַרשטיין זיין וועלטל.